אין זיך די גוטע אידישע מידות, און זיי באַווירקען זיין גאַנצע שפּעטערדיגע קאַריערע פון אַ פירשפּרעכער פון דער אידישער מאַסע.

איך דערמאָן זיך, אַז שוין אין פינף יעריגען עלטער האָט דער רבי באַוויזען איינצופלאַנצען אין מיר דעם געפיל פון אַלמעכטיגען גאָט, וואָס זעט אַלץ וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, אָבער וועלכען קיינער פון אונז איז נישט אומשטאַנד צו זען מיט דעם אויג, דערפאַר פילט ער אים אין האַרצען, און דער דאָזיגער גאָט האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז מיר קינדער זאָלען זיין גוט און פרום, ערליך און אָפּגעהיטען, און פאָלגען טאַטע־מאַמע און וואָס דער רבי זאָגט.

אָט אַזוי האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אין די פּאַרצייטיגע אידישע קינדער אַ באַדערפעניש אין יראת שמים, אַ רעספּעקט פאַר עפּעס העכערס, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען גאָט, דרך ארץ פאַר פאָטער און מוטער, און בכלל פאַר עלטערע מענשען. מען איז אַזוי אַרום געוואָרען צוגעבונדען צו דער גאַנצער עדה אידען — צום אידישען כלל. דער גורל פון אַ וועלכען עס איז איד אין דער וועלט איז געוואָרען דער אייגענער גורל. און ווען מיר האָבען שפּעטער געהערט, און אויך אַליין געמוזט איבערלעבען פּאָגראָמען אויף אידען, פאַר־פאָלגונגען פון אונזערע ברידער און שוועסטער דערפאַר, ווייל זיי זיינען אידען — האָבען אונזערע יונגע קינדערשע הערצלעך מיטגעוויינט און מיטגעבלו־טיגט אויף די אידישע צרות.

אָט דער שווערער אידישער גורל, וועלכען מיר האָבען איינגעזאַפּט פון קינדוויז אָן, איז טיף אַריינגעדרונגען אין אונזער גאַנצען וועזען. איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך פלעג דאַווענען יעדען טאָג און קומען צו די שטעלען פון „ראה נא בעניינו", „הבט משמים", „צור ישראל" און ענליכע, האָט עפּעס אינעווייניג אין מיר געוואָרען ציטערען, און איך פלעג מיט מיין יונגען וועזען בעטען גאָט פון גאַנצען האַרצען, אַז אידען זאָלען שוין מער נישט ליידען און זאָלען זיך נישט האָבען אויף וואָס צו קלאָגען.

אָט דאָס איז געווען דער אָנהויב, ווען עס האָבען גענומען אין מיר אויפ־טויכען די ערשטע תפילות מיט אַ ניגון — מיינע ערשטע אימפּראָוויזאַציעס. יעדע תפילה, וועלכע איך האָב אויסגעוויינט ביים דאַווענען, האָט זיך אַריינגע־פאַסט אין אַ באַזונדערען נוסח, אין אַ באַזונדערער מעלאָדיע. עס איז אַזוי פון זיך אַליין געפלאָסען דאָס האַרציגע קינדערשע געבעט, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר יענער הויכער חזנ'ישער פונקציע.

דערפון דאַרף מען דרינגען, אַז אַ חזן, וועלכער האָט אין זיין קינדהייט נישט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע גוטע מידות פון פרומקייט און חסידות, וועלכער האָט זיך נישט צוגעקוקט און זיך נישט איינגעהערט ווי דער קליינשטעטלדיגער פרומער בעל תפילה גיסט אויס אום ימים נוראים פאַר'ן עמוד זיין ביטער האַרץ אין אַ ים פון טרערען און טיפען השתפכות הנפש — אַזאַ חזן קען באמת נישט דערפילען זיין הויכע באַשטימונג, ער ווייסט ווירקליך נישט „לפני מי הוא עומד".

ליידער, ליידער, האָט זיך שטאַרק פאַרמערט ביי אונז די צאָל פון חזנים, וואָס באַגרייפען נישט די הייליגקייט פון זייער פּראָפעסיע, וואָס קוקען אויף חזנות בלויז ווי אויף אַ מיטעל צו פאַרדינען אויפ׳ן לעבען.

איך וויל שוין נישט ריידען וועגען דעם פאַרצייטיגען חזן, דעם באמת פרומען אידען, אין וועלכען אַלע אברים האָבען געציטערט שוין אַ שטיק צייט פאַר די ימים נוראים, טאָמער איז ער נישט ראוי צו זיין דער פירשפּרעכער פון זיין עדה אידען. פלעגט ער לויפען פאַר יעדען דאַווענען זיך טובל זיין אין דער מקוה, זיך רייניגען פיזיש, און זיך צוגרייטען גייסטיג פאַר דער עבודת הקודש. ער האָט געפילט אויף זיך אַ געוואַלדיגע פאַראַנטוואָרטליכקייט. הענט און פיס האָבען אים געציטערט, ווען ער האָט זיך געשטעלט זאָגען די תפילה „הנני העני ממעש״.

אַזאַ חזן איז טאַקע געשטאַנען פאַר׳ן עמוד אַ נרעש ונפחד, ווייל ער האָט געפילט, אַז נעמען און זיך אויס־טענה׳ן מיט׳ן רבונו של עולם אין נאָמען פון קהל — איז גאָרנישט קיין קלייניגקייט. ווען ער האָט גענומען זאָגען די תפילה: „היה נא מצליח דרכי אשר אני הולך ועומד לבקש רחמים עלי ועל שולחי״ — זיינען נישט קיין טרערען, נאָר בלוט איז גערונען פון זיינע אויגען!

מיר זיינען אַלע ווייט אַוועק פון יענע צייטען. אָבער דאָך דאַרף דאָס געזאָגט ווערען, אַז מיט אַ גוטער שטימע אַליין קען מען נאָך נישט זיין קיין גוטער חזן ביי אידען. אַוודאי מוז מען האָבען אַ שטימע, און טאַקע אַ פיין קולטיווירטע שטימע, און דער חזן דאַרף זיין מוזיקאַליש געבילדעט, דאָס אַליין אָבער איז נישט גענוג. אָן אַ טיף־אידישען הינטערגרונט, פעלט דער שורש פון וואָנעט חזנות שטאַמט.

אייגענטליך איז דאָך דער היינט־צייטיגער חזן אַ דירעקטער יורש פון די פאַרצייטיגע לויים, וואָס האָבען געטאָן די עבודת הקודש אין בית המקדש. און קיינער פון אונז איז נישט ראוי צו גיין אין זייערע וועגען. אָבער אַפילו ווען מיר זאָלען נישט קוקען אַזוי ווייט, און זיך באַגנוגענען בלויז מיט דער עפּאָכע פון אַ דריי־פיר דורות צוריק — ווערט שטאַרק אומעטיג אויפ׳ן האַרצען, ווען מיר זעען וואָס פון אונזער הויכען באַרוף איז געוואָרען.

דערמאָנט זיך נאָר דעם דור גרויסע אידען, אונזערע וואונדערליכע פאַרגענגער, ווי: בצלאל, ירוחם הקטן, ניסי בעלזער, ניסי בלומענטאַל, וויינטרויב, זלמן אומאַנער, ברוך שאָר, ברוך קינסטלער, וועלוועלע שעסטאָפּאָלער, און אַביסעל שפּעטער די חזנים און שליחי צבור: גורעוויטש, בירענבאַום, באַכמאַן, פיניע מינקאָווסקי, ראַזומני א. אַ. דאָס זיינען אַלץ געווען חזנים־אָריגינאַלען, ווייל זיי האָבען געוואָרצעלט אין אידישקייט, אין גוטע אידישע מידות, וואָס האָט זיי געגעבען קראַפט און התלהבות אויסצוזינגען און פאַרצו־ברענגען פאַר׳ן אַלמעכטיגען דעם גאַנצען אידישען פיין און די פאַרבאָרגענע אי־דישע האָפענונגען אויף אויסלייזונג פון דער גאַנצער וועלט און פון אידישען פאָלק.

אַזאַ חזן האָט נישט אַזוי פיל געטראַכט וועגען זיין פּרנסה, וועלכע איז געווען גאַנץ קאַרג, ווי דער עיקר וועגען אינערליכער שלימות און פולקאָ־

מענקייט; ער האָט געקוקט אויף זיין פונקציע, ווי אויף אַ הייליגער דינסט פאַר דעם כלל און ער האָט כסדר געזוכט צו באַרייכערען זיין אידישען וויסען. יומם ולילה איז ער געזעסען און זיך געגריבעלט אין אַלטע ספרים, האָט אימפּראָוויזירט און געזוכט צו דערפינדען עטוואָס נייעס. ער האָט נישט גע־שפּאָרט קיין אָנשטרענגונגען אויף צו פאַרשענערען די תפילות, כדי מער אויס־צונעמען ביים רבונו של עולם און אויך ביי זיינע מתפללים.

אויך אין די לעצטע צוויי דורות, און להבדיל בין חיים למות, אויך צווישען מאַנכע פון די לעבעדיגע און ווירקענדע חזנים געפינען מיר געטרייע נאָכפאָלגער פון יענער גרויסער חזנ׳ישער טראַדיציע. איך וועל בלויז אָנרופען עטליכע נעמען: קאַרניאַל, שטיינבערג, רוטמאַן, יאָסעלע ראָזענבלאַט, רויטמאַן א.אַ. זיי זיינען אַלע דערצויגען געוואָרען על ברכי היהדות און איר האָט דאָס געקענט דערקענען אין דעם אינערליכען ברען פון זייער דאַוונען פאַר׳ן עמוד.

אָבער מיט ווייטאָג אין האַרצען מוזען מיר זאָגען „חבל על דאבדין“. אין די מערסטע פאַלען זיינען מיר עדות ווי דאָס ליכט פון חזנות, וואָס האָט באַשיינט דאָס אידישע לעבען אין משך פון דורות־לאַנג, גייט אונטער פאַר אונזערע אויגען. נישטאָ מער יענע עניוות און יענע געפילען פון גרויסער פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר׳ן כלל, וואָס האָבען כאַראַקטעריזירט די אויבען דערמאָנטע דורות חזנים ביי אידען.

דערפאַר איז ביי אונז אויפגעקומען אַ מין בורלעסק־־חזנות, אַ חזנות אין פליטערלעך, וואָס וויל מיט אויסערליכע עפעקטען פאַרשטעלען די אינערליכע פוסטקייט און אָפּגעריסענקייט פון אַ וועלכען עס איז אָריגינעלען אידישען קוואַל. עס גייען פאַרלוירען די טייערע, טראַדיציאָנעלע תפילות, די וואונדער־באַרע נוסחאות, וועלכע דאָס פאָלק אַליין האָט געשאַפען און האָט עס פון דור צו דור איבערגעגעבען. זיין שליח צבור אויף צו טראָגען ווייטער אין דער אייביגקייט אַריין.

איך וואָלט געזאָגט נאָך מער: דער היינטיגער חזן האָט דערלויבט, אַז מען זאָל ביי אים אַוועק׳גנב׳ענען די גאַנצע דערהויבענקייט און ווירדיגקייט פון דער חזנ׳ישער פּראָפעסיע, אַזוי ווי זי האָט זיך אַנטפּלעקט צו אונז אין משך פון די פאַרגאַנגענע דורות. ער איז געוואָרען נידעריג ביי זיך און האָט זיך איינגאַנצען געמאַכט אָפּהענגיק פון דער קאָנגרעגיישאָן. אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרען איז אין שוהל דער חזן געווען דער טאָן־־געבער. היינט זיינען דאָס די גבאים, וואָס צאָלען „ווײדזשעס“, אָדער דער ראַבאַי, וואָס פּרע־דיגט אויף ענגליש.

און אַז מען הויבט שוין אָן צו פאַלען — ווייסט מען שוין נישט ווען זיך אָפּצושטעלען. אַז מען איז שוין איין מאָל אַוועק פון דעם טראַדיציאָנעלען וועג — זינקט מען שוין ווייטער און מען טראָגט פאַר פאַר׳ן עולם די בייליגסטע לידלעך, די געשמאַקלאָזסטע קופּלעטען, צו דער שאַנד פון דעם מקום קדוש, וואָס געדענקט אַזעלכע הערליכע צייטען און אַזעלכע וואונדערליכע פונקציעס פון אַ חזן ביי אידען.